# צום פינטל

**גליון לז**

**פרשת מטות-מסעי תשפ"ג**

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

**הפלאה בנדרים**

### ◆ לפרש ולבאר

'נדרים' ווערט אנגערופן 'הפלאה', ווי די פסוק זאגט 'לפלא נדר או נדבה', 'כי יפליא לנדור נדר', 'כי יפליא' (ויקרא כז ב), די לשון 'הפלאה' מיינט מפרש זיין און מבאר זיין (רש"י שם, און אזוי זענען מסביר אויך דער אב"ע ויקרא כז ב, רשב"ם, חזקוני, ספורנו במדבר ו א). 'נדרים' דארף מען ארויס רעדן מיט א ברירות און א ודאות, נישט מיט קיין תנאים און ספיקות, אויך דארף עס זיין מיט א מבורר'דיגע לשון, 'בנדרים הולכים אחר לשון בני אדם', ס'דארף ווערן קלאר ארויסגעזאגט, אויף די וועג ווי מענטשן פארשטייען עס.

שטייט אין גור אריה (בראשית יח יד) אז ס'איז דא נאך א משמעות אין 'הפלאה', ווי רש"י הקדוש זאגט אין אנדערע פלעצער, אז 'הפלאה' איז מלשון 'הבדלה' (ראה רש"י בראשית יח יד. שמות ח יח. ט ד. לג טז. ויקרא כב כא. כז ב. במדבר ו ב. דברים כח נט. ל יא. יג ב. מלכים ב ו ח. תהלים יז ז), און דער מהר"ל איז דארט מבאר דעת רש"י, ווען רש"י הקדוש האט געטייטשט 'לפרש ולבאר', און ווען רש"י האט געטייטשט 'הפלאה והבדלה'.

די מפרשים זאגען אז בעומק זענען דיביידע איינס, די כח פון 'מפרש און מבאר' איז בעומק די כח הבדלה, מסביר זיין א זאך מיט א ודאות, מיט א קלארקייט אהן קיין ספיקות, דאס נעמט זיך פון די כח פון 'הבדלה', און ווי שטערקער מ'איז מפרש און מבאר, אלץ מער ווערט די זאך 'נבדל' פון אלעס אנדערשט, ווי מער פינקטליכע הגדרות מ'האט אויף א זאך, אלץ מער ווערט די זאך 'מוגדר' און מובדל פאר זיך.

איז מיט דעם פארשטייט מען אויך 'נדרים' פארוואס דאס הייסט 'הפלאה', סיי ווייל מ'דארף מפרש און מבאר זיין די לשון מיט א קלארקייט, און אויך הפלאה מלשון 'הבדלה', ווייל דאס איז דאך די גאנצע מהות פון א 'נדר', אז די זאך ווערט נבדל ביים נודר, ס'ווערט אפגעטיילט פון אלע אנדערע זאכן וואס זענען ברשות הנודר. קומט אויס אז די מושג פון נדרים איז טאקע ממש 'הפלאה', 'לפרש ולבאר', מ'זאל ארויסזאגען די זאך מיט א מורא'דיגע קלארקייט, אהן קיין ספיקות און תנאים, ווייל אזוי איז דער 'נדר' 'נבדל' פון אלע אנדערע זאכן, דער 'נדר' זאל קענען ווערן פאר א מציאות פון קדושה פאר זיך, אפגעטיילט פון אלעס אנדערשט.

> **די כח הבחירה איז דאס וואס דער מענטש זעהט זיך 'מופלא' און 'מובדל', ער האט א אייגענע דעה א אייגענע בחירה א רצון חפשי, ער זעהט זיך 'מובדל' פון אלע מענטשן אויף דער וועלט, ער האט א אייגענע מציאות**

### ◆ פלא והפלאה

נאך טרעפט מען די לשון 'פלא', וואס איז אויך פון די זעלבע שורש ווי די לשון 'הפלאה'. 'פלא' טייטשט מען 'מכוסה ונעלם', איז דארף מען פארשטיין, ווייל לכאורה די ענין פון 'מכוסה ונעלם', איז די פארקערטע פון 'מפרש ומבאר'. איז דא אסאך וואס ווילן זאגען, אז 'הפלאה' קען מיינען 'דבר והפוכו', ס'קען משמש זיין אויף 'לפרש ולבאר', און ס'קען משמש זיין אויף די פארקערטע, 'מכוסה ונעלם', אזוי ווי די לשון 'דשן' לדשנו', און אנדערע אזעלכע ענדליכע לשונות (וכן מצינו בפרי צדיק נשא אות ו ואות יד ובעוד מקומות שמבאר כן).

אבער באמת איז די ענין פון 'מכוסה ונעלם' אויך די זעלבע משמעות ווי 'לפרש ולבאר', ביי ביידע איז די נקודה אז זיי זענען אפגעטיילט פון אלע אנדערע זאכן. א זאך וואס איז 'מכוסה ונעלם' איז אפגעשייד פון אלע אנדערע זאכן, ווייל 'מרוב העלמה' איז עס אפגעשייד, און א זאך וואס איז מפורש און מבואר - 'לפרש ולבאר', איז אויך אפגעטיילט פון אלעס ארום, אלע זאכן זענען נישט דוקא מפורש און מבואר, און ער איז אפגעטיילט פון אלעס, ער איז מפורש און מבואר. קומט אויס אז ביידע זאכן זענען אפגעטיילט פון די זאכן ארום, א 'דבר פלא' איז אפגעטיילט 'מרוב העלמה', און א זאך וואס איז 'מפורש ומבואר' איז אפגעטיילט 'מרוב גילוי'(עי' בלקוטי תורה לאדמו"ה פרשת צו אות א ד'מפורש ומבואר' ולשון 'פלא', תוכנם אחד).

### ◆ קטן היודע להפלות

נאך א הלכה אין נדרים האט א שייכות מיט 'הפלאה', דאס איז דין דין פון 'קטן היודע להפלות נדריו נבדקין', א בן י"ב שנה איז אים בודק צו ער ווייסט 'לשם מי נדר'. סתם א מענטש ווען ער מאכט א נדר, ווייסט ער קלאר פארוועם ער מאכט די 'נדר', ער ווייסט קלאר אז די נדר איז לשם ה', ווייל דאס גופא איז דאך דער מושג 'נדר', אז די זאך ווערט ווי קודש, ס'איז קדוש און נפרש פון עולם הזה, נאר א 'קטן' כאפט דאס נישט, ער פארשטייט די מושג 'נדר', ער פארשטייט נישט וואס דאס הייסט מבדיל און מפריש צו זיין די זאך פון גשמיות, אבער פון י"ב שנה און ווייטער, קען מען שוין בודק זיין צו ער פארשטייט.

דער מלבי"ם (במדבר ו א) שרייבט אז די כח פון הפלאה ביי נדרים איז די כח פון 'בחירה', די כח הבחירה איז דאס

**המשך בעמוד הבא**

וואס דער מענטש זעהט זיך ׳מופלא׳ און ׳מובדל׳, ער האט א אייגענע דעה א אייגענע בחירה א רצון חפשי, ער זעהט זיך ׳מובדל׳ פון אלע מענטשן אויף דער וועלט, ער האט א אייגענע מציאות. און דאס איז דער דין פון ׳מופלא הסמוך לאיש׳, אז א בן י״ב שנה איז מען בודק צו ער ווייסט פאר וועם ער מאכט די נדר, מ׳איז אים בודק צו ער האט די ׳כח הבחירה׳, צו ער האט די כח פון ׳דעת והבדלה׳, אויב ער האט די כח הדעת, דאן קען ער אויך מבדיל זיין בין קודש לחול, ער קען פארשטיין אז מ׳מאכט א נדר לשם קדושה, לשם ה׳.

ביי דער ׳בר מצוה׳ באקומט דער מענטש די שלמות הדעת, ער דערהערט בשלמות אז ער האט א דעת מיוחדת, ער דערהערט בשלמות אז ער איז א מובדל פון יעדעם, ער איז א מציאות מיוחדת אין די בריאה, ער איז נישט סתם א חלק פונעם כלל. איז אויך ביי א בן י״ב שנה, פאנגט זיך שוין אויך אהן אביסל די דאזיגע ׳כח הדעת׳, ס׳פאנגט זיך די כח הדעת אין זיין דיבור, און ווען ער ווערט א בן י״ג, דאן באקומט ער די דאזיגע כח הדעת, אויך אין עולם המעשה. און דאס איז נישט נאר כלפי נדרים, נאר דאס איז א עצם מציאות אין די מהות פון א בן י״ב שנה, אז כלפי די כח הדיבור ווערט ער שוין פארעכנט ווי א בר דעת.

באמת דער חתם סופר (נדה מה ב ד״ה ואולי) האלט אז ׳מופלא הסמוך לאיש׳, האט גאר נישט צו טוהן מיט ׳דעת׳, ס׳איז א ׳גזירת הכתוב׳ אז ׳גדלות׳ פון נדרים גייט מיט די שיעור פון ׳קטן היודע להפלות׳, ס׳האט גארנישט מיט ׳דעת׳ צו טוהן. באמת זעהט מען ביי די בדיקה אז ס׳האט יא צו טוהן מיט ׳דעת׳, ווייל מ׳איז דאך בודק צו ער איז ׳יודע להפלות׳, וואס דאס טייטשט אז מ׳איז בודק זיין דרגא אין דעת, מ׳איז אים בודק צו ער איז א ׳יודע להפלות׳, אבער לפי דער חתם סופר איז דאס א ׳סיבה׳, די ׳גזירת הכתוב׳ זאגט אז דאס איז די שיעור, אבער ס׳איז נישט קיין סימן אויף זיין דעת און אויף זיין גדלות.

אבער פשוט לערנט מען יא אז ס׳האט צו טוהן מיט דעת, א דרגא אין ׳דעת׳ וואס העלפט אויף ׳דיבור׳, ער קען טאקע נאך נישט מאכן קיין קנינים אין עולם המעשה, אבער אין עולם הדיבור האט ער שוין גענוג דעת צו מאכן א ׳חלות׳ (כן מבואר באגרא דשמעתא ג׳ פרק יג מר׳ ח״פ שיינבערג זצ״ל, ובעוד אחרונים. און אזוי קומט אויכט אויס פונעם רוגעצובר - צפנת פענח על הרמב״ם גירושין פרק ב הלכה יד – ער איז מסביר אז די גדר פון ׳קטן היודע להפלות׳ איז, אז ער קען מאכן א ׳חלות׳ מיט די זאכן וואס מ׳דארף די כח הדיבור, און נישט ביי זאכן וואס מ׳דארף די כח המעשה, און ער איז מבאר די מחלוקת אין די משנה אויב א מופלא סמוך לאיש קען מפריש זיין תרומה, אז זיי קריגען צו ׳תרומה׳ איז א ׳תיקון הכרי׳, א תיקון בעולם המעשה, אדער ׳תרומה׳ איז נאר בגדר ׳דיבור׳, און די ׳כרי׳ ווערט נתקן מאליה).

שטייט אין מלבי״ם א שטארקע יסוד וואס וועט אסאך צוהעלפן צו פארשטיין די הגדרה פון ׳מופלא הסמוך לאיש׳, דער מלבי״ם (במדבר פרק ו פסוק א) שרייבט אז דער שם ׳איש׳ ווייזט אויף ׳גדלות הדעת׳, און אין יעדער פלאץ האט עס א אנדערע הבנה לפי הענין, רוב פלעצער וועט עס מיינען א נער בן י״ג שנה, ביי עריות וועט מיינען ׳איש׳, א גדול בן ט׳ שנים, ווייל דאס איז די שיעור גדלות ביי עריות, און ביי נדרים מיינט די משמעות פון ׳איש׳, אז ער איז א קטן היודע להפלות, ביי א זכר פון א בן י״ב שנה, און ביי א נקבה פון א בת י״א שנה.

קומט אויס פון מלבי״ם אז א ׳קטן היודע להפלות׳ ביי נדרים, איז א שיעור אין גדלות הדעת, א שיעור אין די הגדרה פון ׳איש׳, ער האט טאקע נאך נישט די גדלות פון עולם המעשה, אבער ער האט שוין די גדלות פון ׳עולם הדיבור׳. דאס הייסט אז די ׳דעת שבדיבור׳ ווערט נתגדל שוין ביי י״ב שנה, און די ׳דעת שבמעשה׳ ווערט נתגדל ערשט ביי א בן י״ג שנה, און דאן איז די זמן גדלות פאר רוב מצוות התורה, ווייל רוב מצוות זענען אין עולם המעשה.

## מאכן א ׳חלות׳

די כח פון ׳נדרים׳ איז די כח הפה, דער ׳דיבור׳ האט א כח צו מאכן א חלות אין די מציאות, ער מאכט א ׳נדר׳ אויף עפעס, און מיט זיין דיבור לייגט ער אריין די זאך אין די קאטיגוריע פון ׳הקדש׳, און עס ווערט טאקע אזוי באמת, ס׳ווערט באמת א ׳חלות׳ כאילו ס׳וואלט געווארן באמת ׳הקדש׳. און די טעם איז ווי געשמועסט, אז דער מענטש מיט זיין דיבור קען ׳מגדיר׳ זיין זאכן, איז ממילא קען ער אויך מגדיר זיין אז די דאזיגע זאך זאל זיין אין די קאטיגוריע פון הקדש.

און דאס איז די כח ה׳דיבור׳ בכלל, די כח פון מגדיר זיין א זאך, אריינשטעלן זאכן און זייער קאטיגוריע, אזוי ווי אדם הראשון האט געטוהן ביי ׳קריאת שמות׳ פאר די בעלי חיים, מיט זיין כח הדיבור האט ער מגדיר געווען און אריינגעשטעלט יעדער זאך ווי עס באלאנגט. יעדער ׳ווארט׳ וואס א מענטש זאגט, איז בהכרח א געוויסע ׳שם׳ אויף א זאך (אדער אויף א פעולה), און די ׳ווארט׳ איז מגדיר די זאך, די ווארט איז דאס וואס ברענגט ארויס וואס די זאך איז, און דאס איז די כח פון ׳נדרים׳ צו קענען מאכן א ׳חלות׳ אויף א זאך, אריינצולייגען זאכן אין די קאטעגוריע פון הקדש.

און ווי געשמועסט קומט דאס פון די כח ה׳דעת׳, די כח הדעת איז דער כח ׳מבדיל׳ צו זיין א זאך פון צווישן אנדערע זאכן, יעדער זאך זאל האבן זיין באזונדערע ׳הגדרה׳, א הגדרה וואס איז מבדיל די זאך צו זיין א דבר מיוחד פאר זיך.

און דאס איז די כח פון קדושה און הפרשה, ווייל פאר די אויגען איז נישט ניכר קיין חילוק פארן מענטש צווישן ׳קודש׳ און ׳חול׳, אבער מיט די כח הדעת און הבדלה, קען דער מענטש עס אפטיילן און אריינשטעלן יעדער זאך אין זיין פלאץ. און דא קומט די חידוש פון ׳נדרים׳ אז ער קען אפילו נעמען א דבר חולין, און עס אריינשטעלן אין די פלאץ פון קדושה, ער קען עס כאילו מגדיר זיין בדעת ובדיבור אז ניין ס׳בלאנגט נישט אין די חולין וועלט, ס׳באלאנגט אין די קודש וועלט.

ס׳איז דא ׳קדשים׳ וואס איז קודש פאר יעדעם, און ס׳איז דא ׳נדרים׳ וואס א מענטש מאכט כאילו ווי קודש, עס ווערט נישט באטראכט ווי עכטע קודש, נאר ווי א פרטיות׳דיגע קודש וואס דער מענטש האט זיך געאסרט אויף זיך. משל למה הדבר דומה, ס׳איז דא גוט און שלעכט וואס איז באמת גוט און שלעכט, נאכדעם איז דא גוט און שלעכט וואס יעדער מענטש מאכט אפ ביי זיך, א מענטש האט הגדרות און מיינאונגען אין יעדער זאך, זיין בליק אויף אלעס אין די וועלט, זיין מיינאונג וואס הייסט גוט און וואס הייסט שלעכט.

המשך בעמוד האחרון

סוסים און חמורים זענען מיוחד פאר 'רכיבה', ווי מ'זעהט אין פסוקים און אין חז"ל, אבער ס'איז דא אסאך גאר גרויסע חילוקים צווישן זיי, און כמעט ווי זיי האבן נישט קיין שייכות, ווי ס'ווערט נתבאר ווי שטארק זיי זענען די היפוך איינער פונעם צווייטן.

שטייט אין פרק שירה (פרק חמישי) אז דער סוס זאגט די פסוק 'הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם, כעיני שפחה אל יד גברתה, כן עינינו אל ה' אלוקינו', און דער חמור זאגט די פסוק 'לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד, כי כל בשמים ובארץ, לך ה' הממלכה והמתנשא לכל לראש'. דארף מען פארשטיין וואס איז די קשר פון די צוויי פסוקים צו זיי, וואס האט דער סוס מיוחד צו דעם פסוק, און דער חמור במיוחד צו דעם פסוק. איז קודם וועל מיר ארום רעדן בכללות די חילוקים צווישן די סוסים און די חמורים, ממילא וועט מען קענען אויך גוט פארשטיין זייער שירה.

די טבע פון סוסים איז זיך צו הייבן אויף ארויף, זיי האבן הנאה זיך אויפצוהייבן צום רוכב, זיי האבן הנאה צו ווערן צוקאכט און 'צווילדוועד' מיט'ן רוכב. די חמורים זענען פארקערט, די חמורים האבן א מורא'דיגע רואיגקייט און סבלנות, זיי זענען זייער 'גראנדעט', וואס מ'רופט 'על הקרקע', זיי קענען אביסל אינטערלויפן, אבער נישט קיין גרויסע זאכן, זיי זוכן זיך נישט עפעס מורא'דיג צו הייבן.

די משנה זאגט אין מסכת זבים פרק שביעי אז דער 'סוס' ליינט זיך אהן אויף זיינע פיס, און דער 'חמור' ליינט זיך אהן אויף זיינע הענט (ס'איז נוגע פאר א זב וואס איז רוכב אויף זיי).

דער 'סוס' נוצט בעיקר זיינע פיס, די הענט איז מער אין די לופטן, אויך די גאנצע פארנט פון זיין גוף הייבט ער צו דער הייעך, צומאל קען ער זיך אפילו אויפשטעלן 'בקומה זקופה', די הענט זיינע זענען נאר צו צוהעלפן פאר די פיס, צו לויפן און צו מדלג זיין. דער 'חמור' אבער איז פארקערט, די הענט און די גאנצע פארנט פון זיין גוף איז אראפגעלאזט צו די קרקע, ער זוכט בכלל נישט עס צו הייבן, פארקערט ער האט ליב ווען זיינע הענט זענען 'גראנדעט' צו די קרקע.

דער 'חמור' האט די כח אין די הענט, ער האט א גוטע 'גריפ' אויף דער ערד, א גוטע אחיזה אין די קרקע, און דאס העלפט אים במיוחד צו קריכן אויף די בערג, אנכאפנדיג זיך מיט די הענט אויף די שטיינער און אויף די סלעים. ווידער דער 'סוס' האט נישט דער כח אזוי שטארק אין די הענט, ער האט נישט דער כח אחיזה אזוי שטארק צו קריכן אויף די בערג און אויף די סלעים, ווייל ווי געשמועסט איז זיין כח מער אין די פיס, איז ממילא איז דאס נישט זיין מעלה צו קריכן ארויף און אראפ אויף די בערג.

און מסכת שבת איז דא א מושג וואס הייסט 'מחמר', 'מחמר' איז דער מענטש וואס פירט דעם 'חמור', ער שלעפט דעם חמור ביים בענדיל פאראויס, אדער גייט ער פון די זייטנס פונעם חמור, אדער אונטער אים, אדער רייט ער אויף דעם חמור, נישט קיין חילוק, אויף יעדער אופן וואס ער פירט דעם אייזל, איז דאס בכלל פון 'מחמר'. און די הלכה איז אז שבת קודש טאר מען נישט 'מחמר' זיין, מען טאר נישט שבת פירן דעם 'חמור' ד' אמות אין רשות הרבים, דער יוד טאר נישט גורם זיין אז דער אייזל זאל טראגען שבת אין רשות הרבים, אויף יעדער אופן וואס דער אייזל גייט וועגן אים (אזל מחמתיה), איז דא א 'איסור לאו' פון 'מחמר'.

דער 'סוס' איז מער מיווחד פאר 'רכיבה', פאר מענטשן צו רייטן אויף אים, און דער 'חמור' איז מער מיוחד צו שלעפן זאכן, צו שלעפן 'משאות', דער 'סוס' דארף דעם מענטש זאל אים הייבן אויף ארויף, מלמטה למעלה, און דער 'חמור' דארף די משאות וואס זאלען אים אראפדריקן, ער האט הנאה ווען די משאות דריקן אראפ און ער מיט זיינע שטארקע ביינער קען זיך שטארקן איבער דעם כובד המשא. ווי די פסוק 'יששכר חמור גרם', אזוי ווי דער 'חמור' האט שטארקע ביינער צו קענען סובל זיין די משאות, אזוי אויך האט יששכר שטארקע כוחות צו סובל זיין די עול התורה, ווי די חז"ל זאגען 'לעולם ישים עצמו על דברי תורה כשור לעול וכחמור למשא'.

און וועגן דעם ווערט פאררופן דער איסור 'מחמר' שבת, מיט די לשון 'מחמר', מלשון 'חמור', ווייל דאס איז די מיוחד'דיגקייט פונעם חמור, די שלעפן 'משאות' אין רשות הרבים, דער מענטש איז 'מחמר' נאכן 'חמור' וואס זיין סדר איז שלעפן משאות. מה שאין כן דער 'סוס' איז נישט מיוחד אזוי אויף 'משאות', ער איז בעיקר געמאכט פאר מענטשן וואס ס'איז נישט אלעמאל דא דער איסור 'מחמר' מן התורה, ווייל ביי מענטשן איז דאך דא דער דין פון 'חי נושא את עצמו', איז וועגן ווערט עס אנגערופן 'מחמר' על שם ה'חמור', ווייל דער עיקר איסור איז ביים שלעפן 'משאות'. (אבל יש לידע דגם בסוס שייך 'מחמר', כגון כשהסוס מושך בעגלה כשאין בני אדם בתוכו, עי' משנה ברורה סימן רס"ו סק"י).

דער טבע פונעם סוס איז 'ששון ושמחה', און וועגן דעם הייסט ער 'סוס' מלשון 'שש', און מ'קען דאס זעהן בחוש, ווי ער קען ווערן פריילעך און צולאזט, ער מאכו צומאל אונטערסאנטע טאנצערייען און ווילדערייען, און קען ער צומאל מאכן אביסל ענדליך צו א 'העדסטענד', אראפבייגענדיג די קאפ, און אויפהייבנדיג די פיס, און אזוי נאך אנדערע אונטערעסאנטע לעבעדיגע תנועות.

און דאס איז גאר א מיוחד'דיגקייט, ווייל כמעט וואס מ'טרעפט נישט ביי 'בעלי חיים' די מושג פון 'שמחה', די בעלי חיים זענען בדרך כלל מער צו דער 'נעגעטיווע' זייט, אבער דער 'סוס' האט א חידוש, אז האט עפעס א שייכות מיט די מדה פון 'ששון ושמחה'.

דער 'חמור' איז פונקט די פארקערטע, דער 'חמור' איז היפש א ערנסטער, א 'סבלן' און א 'שפל ברך', די קאפ אראפגעבויגען על פי רוב, אסאך מאל וואקט ער פשוט מיט מיט זיין בעל הבית ווי א פשוט'ע באגלייטער, ער באגלייט רואיג און געשמאק, וואקענדיג צוזאמען מיט אים האנט ביי האנט, אז דער בעל הבית ווערט אויסגעמוטשט, גייט ער ארויף אביסל אויפן אייזל, אבער אזוי איז ער גאנץ א פשוטע געשמאקע באגלייטער, וואס דאס קומט פון זיין טבע פון סבלנות און רואיגקייט. און וועגן דעם איז אפילו בשעת'ן לויפן איז דער 'חמור' מיט די קאפ ארויף, אנדערשט ווי דער 'סוס' וואס בשעת'ן רכיבה פראבירט ער ווי מער אויפצוהייבן די קאפ אויף ארויף.

דער פערד האט הייסע בלוט, ער איז א צוקאכטער, אפילו ביים שלאפן שלאפט ער נישט מיט די גאנצע רואיגקייט, ער שלאפט בכלל נישט צו סאך (דריי פיר שעה), און אויך ווען ער שלאפט וועקט ער זיך איבער יעדע 'שיתין נשמין' (ווי די חז"ל זאגען אז די שיעור שינת

די טבע פון סוסים איז זיך צו הייבן אויף ארויף, זיי האבן הנאה זיך אויפצוהייבן צום רוכב, זיי האבן הנאה צו ווערן צוקאכט און 'צווילדוועד' מיט'ן רוכב. די חמורים זענען פארקערט, די חמורים האבן א מורא'דיגע רואיגקייט און סבלנות, זיי זענען זייער 'גראנדעט', וואס מ'רופט 'על הקרקע'

המשך בעמוד הבא

# ענינים



הסוס איז 'שיתין נשמין'), אויך שלאפט ער שטייערדיגערהייט. וואס דאס אלעס ווייזט אז ער איז א צוקאכטער, ער וויל א גאנצע צייט ארומלויפן און ארומבאדרעוון, ער קען נישט אראפקומען למטה 'על הקרקע', ער איז צוקאכט, ער וויל זיך נאר הייבן.

דער 'חמור' איז פונקט פארקערט, אלץ איז ביי אים מיט א מורא'דיגע רואיגקייט, בפרט ווי די חז"ל זאגען אז ער איז בטבע א קאלטער 'חמור אפילו בתקופת תמוז קריר ליה', ממילא דאס געט צו צו זיין מדת הסבלנות, ער ווערט נישט אזוי שנעל צוקאכט, ער וואקט שטייט און 'סאליד', מאכנדיג זיכער אז יעדער טריט וואס ער טרעיט אראפ 'על הקרקע' איז פארזיכערט. ער איז א קאלטער, א 'סבלן', ווי די פסוק זאגט 'יששכר חמור גרם וגו' ויט שכמו לסבול', דאס דער מהות פונעם 'חמור', א רואיגער און א סבלן.

דער 'סוס' איינמאל ער לויפט, איז שווער אים אפצושטעלן, ער פאלט אינגאנצן אריין אין די לויפן זיינע אז די קענסט אים נישט אפשטעלן אבער אייזל איז פארקערט, ער לויפט בכלל נישט אזוי מורא'דיג, און אפילו טאמער יא, ער לאזט זיך ארייננכאפן אין א געלויפעריי, קען מען דאס לייכטער הייט אפשטעלן, ער איז נישט אין דעם אינגאנצן.

דער 'סוס' איז אין א מצב פון 'תנועה', ווען ער לויפט מיט א גאלאפ איז ער כמעט ווי אין די לופטן, ער לויפט אויף א טאנצדיגע וועג, אויף א וועג פון 'דילוג וקפיצה', אויפהייבענדיג אלע פיר פיס אין די לופטן, וואס דאס געט אים א מורא'דיגע שנעלע תנועה, און דאס איז זיין געשמאק ווען ער הייבט זיך ווי געשמועסט. מה שאין כן דער 'חמור' איז ממש פארקערט פון 'תנועה', דער 'חמור' איז 'מנוחה', ווי די פסוק זאגט 'וירא מנוחה כי טוב', דאס די גאנצע מהות און באנעמאונג זיינע, א באנעמאונג פון מנוחה, רואיגקייט און סבלנות, 'סטאביל' על הקרקע.

ממילא לאמיר צוריק גיין צו די שירה, די שירה פון דער סוס איז 'כעיני עבדים אל יד אדוניהם' ווייל זיין זאך איז צו ווערן א טפל צום רוכב, א טפל צו די אדון זיינער, ממילא שרייט ארויס פון אים די דאזיגע פסוק 'כעיני עבדים אל ידי אדוניהם', און ווי פארשטענדליך אז ביי דעם 'חמור' פאסט בכלל נישט די דאזיגע פסוק, ווייל דער 'חמור' זוכט נישט צו ווערן א טפל צום רוכב, ער זוכט נישט זיך צו הייבן צום רוכב, ווי ס'איז געווארן נתבאר.

און יעצט לאמיר פארשטיין די שירה פונעם 'חמור', די שירה פונעם חמור איז די פסוק 'לך ה' הגדולה וכו', איז לויט ווי ס'איז געווארן נתבאר ווי א שטארקע סבלן און 'שפל ברך' דער 'חמור' איז, פארשטייט מען גוט די שירה זיינער, ער זונגט אז ער געט אלעס אוועק פארן זיין בעל הבית, וואס דאס זאגט מען אין דעם פסוק לך ה', אז אלעס געט מען אוועק פארן אייבירשטן, אלעס באלאנגט צו אים. וואס דאס שרייט דער 'חמור' אויס מיט זיין גאנצע מציאות, איך בין גארנישט, אלעס אלעס באלאנגט פארן בעל הבית.

קומט אויס אז בעצם די 'סוס' און די 'חמור',ביידע ברענגען ארויס זייער 'ביטול' צו די אדון זייערע, אבער אויף א פארקערטע וועג אינגאנצן, דער 'סוס' ברענגט ארויס ווי ער שטארק ער וויל נכלל ווערן אין די אדון זיינער, 'כעיני עבדים אל יד אדוניהם, כעיני שפחה אל יד גברתה', און ווי געשמועס אז דאס איז זיין תנועה בשעת'ן 'רכיבה' ווי ער הייבט זיך ארויף צום אדון, און דער 'חמור' ברענגט ארויס פארקערט, אלעס איז דער אדון און איך האב גארנישט אריין צו רעדן, אפילו דאס אויך נישט, צו ווערן נכלל אין אים, ער איז אלעס אלעס, און דאס איז אלץ א משל אויפן אייבירשטן, וואס דאס איז זיין שירה, לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וכו', אלעס אלעס איז דעם אייבירשטן'ס.

# פרשה



איז ענדליך צו דעם איז נדרים, דיין פרטיות'דיגע הגדרה אויף די זאך, דיין הגדרה צו די זאך אז ס'איז כאילו ווי קודש, הגם באמת איז עס נישט בכלל קודש, אבער ביי דיר, ביי דיינע 'קאטיגאריעס' איז דאס בכלל קודש. און דאס איז די עומק פון 'הפלאה', אזוי ווי אונז האב מיר אנגעפאנגען, אז 'הפלאה' איז די כח פון הבדלה צו מגדיר זיין זאכן מיט א פונקטליכקייט, מגדיר זיין צו די זאך באלאנגט אהער אדער אהין, צו ס'באלאנגט צו די חולין'דיגע וועלט, אדער צו די קודש'דיגע וועלט.

און דאס איז נישט נאר אין דער מענטשס קאפ, נאר דאס מאכט באמת א 'חלות' ממש אין די מציאות העולם, די 'נדר' איז באמת חל אז ס'ווערט במאת נאסר פאר אים אין די מציאות העולם. די ביסט עס מגדיר כאילו ווי ס'איז הקדש, און ס'ווערט טאקע אזוי, ס'גייט באמת אריין אונטער די הגדרה פון הקדש. ווייל די וועג ווי אזוי די קוקסט אויף דעם, מאכט באמת אויס אין די מציאות העולם, דורעך דיין נדר, ווערט א חלות איסור פאר דיר אין דער מציאות העולם.

**תמצית היוצא: נדרים הייסן 'הפלאה', אין הפלאה איז דא דריי זאכן, לפרש ולבאר, הפרשה והבדלה, און פלא, און אלע האבן א שייכות צו נדרים, צו די הפה והדיבור מגדיר צו זיין א זאך אז ער זאל זיין אפגעטיילט פון אלע אנדערע, דאס איז 'לפרש ולבאר', און דאס איז 'הפרשה והבדלה', און דאס איז אויך די ענין פון 'פלא' כמו שנתבאר. און נאכדעם האבן מיר ארום גערעדט באריכות די יסוד פון 'קטן היודע להפלות', אז ער באקומט שוין דאן א געוויסע דרגא פון כח הדעת, א כח הדעת וואס קומט אראפ בדיבור, און ביי די בר מצוה גייט ער באקומען א כח הדעת וואס קומט אראפ ביז עולם המעשה. און נאכדעם האב מיר גערעדט פון די כח פון מאכן א 'חלות' ביי נדרים, וואס דאס נעמט זיך אויך פון די כח הדעת והבדלה וואס איז אינעם מענטש, דורעך דעם וואס דער מענטש טיילט דאס אפ ביי זיך אין קאפ, דורעך דעם ווערט עס באמת אפגעטיילט.**

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424